לזכות אליהו שמואל בן חיה בינה שיחי׳

לעילוי נשמת הרה״ת מוה״ר שניאור זלמן בן הרה״ח ר׳ נתן ע״ה גורארי׳
און גרשון דובער בן סימון ע״ה

אויפמערקזאם: דברי תורה טאָרן ניט געלייגט ווערן
אין אַ מקום בזיון ח״ו, נאָר דאַרפן געלייגט
ווערן אין שמות א.ד.ג.

## תורה געדאַנקען פון ליובאַוויטשער רבי'ן

# כדי צו איבערמאַכן וועלט דאַרף מען זיך אַמאָל שטעלן העכער פון וועלט

### פּרשת בהר ושנת השמיטה

א. אין אָנהויב סדרה שטייט, וידבר הוי׳ אל משה בהר סיני גו׳ ושבתה הארץ שבת להוי׳. זאָגט אויף דעם רש״י בשם תורת כהנים: מה ענין שמיטה אצל הר סיני והלא כל המצות נאמרו מסיני, אלא מה שמיטה נאמרו כללותי׳ ודקדוקי׳ מסיני אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער לימוד ״בהר סיני״ ביי מצות שמיטה דוקא, דער לימוד האָט דאָך געקענט שטיין ביי אַן אַנדער מצוה (ביי וועלכער עס וועלן אויסגערעכנט אירע פּרטים) און פון יענער מצוה וואָלט מען אָפּגעלערנט אויף אַלע מצות שכל דקדוקיהן נאמרו מסיני?

אין פּשטות קען מען ענטפערן, ווייל מצות שמיטה שטייט שוין בכללות אין פ׳ משפטים (נאָך מתן תורה), ובשביעית תשמטנה ונטשתה, און אין פ׳ בהר חזר׳ט זי זיך איבער בדרך פּרט. דאָס איז אָבער נאָך ניט גענוגענד, ווייל עס זיינען דאָ נאָך מצות וועלכע שטייען אין פ׳ משפּטים.

און נאָך שווערער איז: אַ מצוה פון וועלכער מען לערנט אָפּ אויף אַלע מצות, האָט זי דאָך געדאַרפט זיין אַ מצוה כללית, פאַרוואָס האָט מען אויסגעקליבן מצות שמיטה וואָס איז לכאורה אַ מצוה פּרטית און האָט כמה וכמה הגבלות: נוהג רק בזמן שהיובל נוהג; און אַפילו לויט די דיעות אַז עס איז נוהג אויך בזמן הזה, איז דאָס אָבער לדעת רוב הפוסקים נאָר מדרבנן[1]. דאָס איז אַ הגבלה בזמן. ס׳האָט אויך אַ הגבלה במקום: אין ארץ ישראל דוקא און ניט אין חוץ לארץ[2].

מוז מען דערפאַר זאָגן אַז מצות שמיטה איז אין אַ געוויסן זין אַ מצוה כללית, ווי מען וועט עס ווייטער דערקלערן.

ב. ווייטער אין פּסוק זאָגט ער, שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמר כרמך גו׳. אין פּלוג, צו וואָס דאַרף מען דאָס זאָגן, וויבאַלד דאָס איז דאָך ניט קיין ציווי נאָר אַן ענין פון רשות, איז מהיכי תיתי אַז מען טאָר עס ניט, וואָס מען דאַרף זאָגן שש שנים גו׳?

מוז מען זאָגן, אַז אויך דער שש שנים תזרע שדך גו׳ גייט אַריין אין דעם ענין פון מצות שמיטה. די מצוה איז ניט נאָר ובשנה השביעית שבת שבתון, נאָר אויך שש שנים תזרע גו׳ איז אַ טייל פון דער מצוה.

דאָס איז אין צוויי אופנים:

א) ס׳איז אַ הכנה צו מצות שמיטה. בכדי צו קענען דורכפירן דעם ובשנה השביעית שבת שבתון איז דאָס דורך דער הכנה פון שש שנים תזרע גו׳.

ב) דאָס איז דער תכלית פון מצות שמיטה. דער תכלית הכוונה פון שבתון שבשנה השביעית איז בכדי אַז דערנאָך זאָל זיין שש שנים תזרע גו׳.

ג. דער ענין פון שמיטה כפשוטו איז, אַז בשנה השביעית דאַרף זיין שבתון לארץ, שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור וגו׳. בשנה השביעית דאַרף זיין שבתון אין די אַלע ענינים פון מלאכות הארץ פון וואָס מען מאַכט לחם וכו׳ שעליו יחי׳ האדם.

וכי תאמרו מה נאכל? אויף דעם ענטפערט די תורה: וצויתי את ברכתי גו׳ ועשת את התבואה לשלש השנים.

דער תוכן פון דעם ענין פון מצות שמיטה איז: מען מאָנט ביי אַ אידן אַז איין מאָל אין זיבן יאָר זאָל ער זיך געזעגענען פון אַלע ענינים ארציים, ערדישע באַדערפענישן, ער זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט מלאכות הארץ וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם לחם שעליו יחי׳ האדם, און ער זאָל זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן, אַז ער וועט אים געבן זיין פּרנסה למעלה מהטבע.

אַ סדר אויף אַלע מאָל איז עס ניט. רוב הזמן – בכמות – דאַרף אַ איד האָבן צו טאָן מיט עניני העולם, צוליב עבודת הבירורים. דאָס איז דאָך דער ענין וואָס התהוות העולם איז געוועזן דורכן שם אלקים בגימטריא הטבע, בכדי דער אדם זאָל זיך עוסק זיין על פּי תורה אין די ענינים פון טבע, און דורך דעם מברר ומזכך זיין די עניני הטבע.

אָבער אין געוויסע צייטן, מאָנט מען ביים אידן, ער זאָל אַרויס פון וועלט. הגם מען דאַרף איר טאַקע מברר זיין, אָבער בזמן מן הזמנים דאַרף זיין די תנועה, צו שטעלן זיך העכער פון וועלט.

ד. די צוויי ענינים זיינען אָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

בכדי עס זאָל זיין די תנועה פון שטעלן זיך העכער פון וועלט, ושבתה הארץ שבת להוי׳, הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, וואָס העכער פון שם אלקים בגימטריא הטבע, איז דאָס דורך דעם וואָס האָבנדיק צו טאָן מיט עניני העולם איז עס על פּי תורה.

וואָס דאָס איז דער ערשטער אופן, אַז דער שש שנים תזרע שדך גו׳

– וואָס דער טייטש תזרע שדך גו׳ איז, אַז אין שדה היט ער זיך אויס אין אַלע ענינים לויט דעם שולחן ערוך אַזוי ווי כלאים וכו׳ –

איז אַ הכנה צום ובשנה השביעית.

דער צווייטער אופן: בכדי עס זאָל קענען זיין דער בירור פון עניני העולם, איז דאָס דוקא דורך דעם וואָס אַמאָל שטעלט ער זיך אין זיין עבודה העכער אין גאַנצן פון וועלט. וואָס דאַן, אויך קומענדיק אין וועלט, איז ניט נאָר וואָס ער ווערט ניט אַריינגעשלעפּט אין איר, נאָר אדרבה, ער מאַכט פון וועלט גופא אַ כלי צו אלקות.

אַזוי ווי עס שטייט אין קונטרס עץ החיים[3], אַז בכדי צו האַלטן ביי יהודא תתאה ווי מען דאַרף, מוז זיין דער הרגש, בכללות על כל פּנים, פון יחודא עילאה.

וואָס דאָס איז דער צווייטער אופן: דער תזרע שדך גו׳ איז דער תכלית. אָבער אַנדערש קען ניט זיין דער בירור פון וועלט, סיידן עס איז דאָ אויך די תנועה פון אויסטאָן זיך פון וועלט.

ה. אויף דעם זעלבן אופן געפינט מען אויך אין דעם ענין פון שבת מיט ששת ימי החול.

אין די זעקס טעג פון וואָך איז עבודת הבירורים, ששת ימים תעבוד[4]. אָבער שבת איז בורר אסור.

דעריבער שטייט ביי שבת ויכל אלקים, – עס ענדיקן זיך די העלמות פון שם אלקים און עס לייכט דער שם הוי׳ שלמעלה מהטבע[5].

און די צוויי ענינים פון שבת וחול זיינען, ווי דערקלערט, אָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

ו. באמת איז דאָ אַ מעלה אין שמיטה אויף שבת. שבת איז דאָך אסור בעובדין דחול, שטייט דאָך דער מענטש דאַן העכער פון וועלט און האָט מיט איר קיין פאַרבונד ניט. אָבער אין שמיטה מעג ער דאָך טאָן אַנדערע ענינים פון עובדין דחול, ער איז אין וועלט, און פונדעסטוועגן ושבתה הארץ שבת להוי׳; ניט קיין ענין פון עבודת הבירורים שבשם אלקים, נאָר שבת להוי׳ שלמעלה מהעולם, כאָטש אַז ער איז אין וועלט.

אין וועלט גופא איז ער ממשיך דעם שם הוי׳ שלמעלה מהעולם לגמרי.

און דאָס איז על דרך דעם פּירוש על-פּי תורת הבעל שם טוב: ושבתה הארץ – שביתה וביטול אין ארץ[6]: מען טראָגט אַריין שביתה אין די ענינים ארציים גופא.

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין רש״י אויפן פּסוק שבת להוי׳: ״לשם ה׳ כשם שנאמר בשבת בראשית״. אין פּלוג, וואָס טוט רש״י דאָ אויף? אָבער לויט דעם וואָס מען האָט פריער גערעדט איז עס פאַרשטאַנדיק: וויבאַלד אַז שמיטה מעג ער טאָן עובדין דחול, מען האָט צוטאָן מיט וועלט, האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז דער איסור החרישה וזריעה אין שמיטה, איז ניט קיין ענין פון הוי׳ שלמעלה מהעולם, נאָר אַן ענין פון עבודת הבירורים, ועל דרך די מצות פון שש שנים תזרע גו׳, וואָס זייער ענין איז בירור אין וועלט גופא, ניט העכער פון וועלט;

באַוואָרנט עס רש״י און זאָגט, אַז דאָס איז אַן ענין פון ״לשם הוי׳ כשם שנאמר בשבת בראשית״. עס איז אַן ענין פון שביתת הארץ שממנה תצא לחם, עיקר חיות האדם, איז עס אַ הפשטה פון וועלט כשם ווי ביי שבת בראשית. און דאָס וואָס מען מעג טאָן אַנדערע עובדין דחול, איז דאָס נאָך אַ ווייטערדיקע מעלה, אַז אין עובדין דחול גופא טראָגט מען אַריין דעם אור הוי׳ שלמעלה מהעולמות לגמרי[7].

ח. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס מצות שמיטה איז אַ מצוה כללית: דאָס איז דער תוכן פון אַלע מצות. נאָר אין מצות שמיטה איז דאָס בגילוי.

דער אַלטער רבי דערקלערט אין תניא[8] אַז דער עסק אין תורה ומצות און תפלה, איז אַן ענין פון מסירת נפש ממש כמו בצאתה מן הגוף כו׳ שאינה מהרהרת בצרכי הגוף אלא מחשבתה מיוחדת ומלובשת באותיות התורה והתפלה. ד.ה. אַז בשעת עסק התורה ומצות ותפלה דאַרף זיין דער הרגש פונקט ווי ער איז שוין נאָך יציאת הנפש מהגוף, אליך הוי׳ נפשי אשא.

פון דער צווייטער זייט, מאָנט מען ביי אים, אַז יעדער מצוה זאָל ער מקיים זיין כתיקונה, מיט אירע הגבלות אין זמן און מקום און מיט אַלע דקדוקים וואָס אין יעדער מצוה, וואָס דאָס זיינען דאָך הגבלות פון וועלט.

דאָס הייסט אַז דער ענין פון מצות איז: מען דאַרף נעמען די תנועה פון מסירת נפש, אויסגעטאָן פון גוף און גשמיות, און מיט דער תנועה גופא מקיים זיין די מצוה בכל פּרטי׳ ודקדוקי׳: המשכת בלי-גבול (אומבאַגרענעצטקייט) בגבול (אין באַגרענעצטקייט).

נאָר אין סתם מצות איז דאָס פאַרבאָרגן, דאָס הערט זיך נאָר אַן אין דעם אופן קיום המצות. אָבער ביי שמיטה איז דאָס בגלוי און עס הערט זיך אָן אין דער מצוה אַליין.

ט. פון וואַנען נעמט מען דעם כח אויף דעם? – פון הר סיני.

רז״ל דערציילן[9] אַז בשעת מתן תורה, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע בערג, און יעדער באַרג האָט גע׳טענה׳ט אַז מען זאָל געבן די תורה אויף אים. הר תבור האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט אַ מעלה אין זיך, ווײַלע ער איז דער העכסטער באַרג. הר כרמל האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט געהאָלפן צו קריעת ים סוף. האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט, למה תרצדון, פאַרוואָס ווילט איר זיך משפּט׳ן – תרצדון מלשון תרצו דין – הרים גבנונים, דערמיט וואָס איר זייט גרויס ביי זיך זייט איר בעלי מומים – גבנונים מלשון גבן או דק, – ההר חמד אלקים לשבתו, איז דאָס הר סיני, דמכיך מכל טוריא, נידעריקער פון אַלע בערג.

ולכאורה איז ניט מובן, ממה נפשך, אויב די מעלה איז אין שפלות (נידעריקייט) האָט מען געדאַרפט געבן די תורה אין אַ טאָל, אָדער על כל פּנים אויף אַ גלייכן אָרט און ניט אויף אַ באַרג; אויב די מעלה איז אין הגבהה (הויכקייט), האָט מען געדאַרפט געבן אויף בערג וואָס זיינען העכער פון סיני?

נאָר דער ענין איז, אַז די כוונה פון מתן תורה איז פאַראייניקן די צוויי קעגנזאַצן, עס זאָל זיין גשמיות און מאַכן פון גשמיות גופא אלקות. און דאָס איז מרומז אין הר סיני, דמכיך מכל טוריא, שפלות און הגבהה צוזאַמען.

און פון דעם ענין ״בהר סיני״ איז געגעבן געוואָרן אידן דער כוח אויף מצות שמיטה וואָס זי איז כללות כל המצות, אויף מאַכן פון גשמיות גופא אלקות און דורכפירן די כוונה פון דירה לו יתברך בתחתונים.

י. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס אומעטום שטייט דער לשון ״מסיני״: משה קבל תורה מסיני, הלכה למשה מסיני, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נאמר למשה מסיני, ועוד. אין פּלוג – וואָס איז נוגע דער ענין פון סיני, דער עיקר איז דאָך אַז געזאָגט האָט עס דער אויבערשטער, וואָס ער יתברך איז דאָך דאָ אומעטום, לית אתר פּנוי מיני׳, וואָס איז דער דיוק מסיני דוקא?

אָבער לויט דעם אויבן געזאָגטן וועט מען עס פאַרשטיין: דער תכלית פון תורה איז צו פאַרבינדן צוויי הפכים, הר און מכיך, מאַכן פון תחתונים אַ דירה לו יתברך.

וואָס דאָס איז דער אויפטו פון מתן תורה ניט נאָר אויף דעם וואָס די אבות האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה איידער זי איז געגעבן געוואָרן, וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין פון אינו מצווה ועושה, נאָר אויך אויף די שבע מצות בני נח און אַפילו אויף די מצות שנצטוו במרה. אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש רבה[10], אַז פאַר מתן תורה איז געווען אַ גזירה אַז שמים מיט ארץ זאָלן ניט האָבן קיין חיבור, השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם, ובמתן תורה ביטל הגזירה. איז וויבאַלד אַז דער גאַנצער ענין פון מתן תורה איז חיבור שמים וארץ, דערפאַר איז מתן תורה געווען בהר סיני, – די פאַרבינדונג פון צוויי הפכים.

דערפאַר ווערט כסדר באַטאָנט אַז תורה איז געגעבן געוואָרן מסיני. ווען איינער וועט טענה׳ן, ווי אַזוי קען איך פאַרבינדן צווי הפכים, וועט מען אים זאָגן: פון סיני האָסטו אויף אויף דעם אַ כוח. מה דאָך אין אַ דומם, דער נידעריקסטער פון אַלע סוגים, האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן דעם ענין פון פאַראייניקן הפכים, היינט מכל שכן אַ מענטש, אַ מדבר, דער העכסטער פון אַלע סוגים, האָט אוודאי אַ כוח צו מייחד זיין צוויי הפכים, און דורכפירן די כוונה פון דירה לו יתברך בתחתונים, אַז די תחתונים גופא זאָלן זיין אַ דירה לו יתברך.

1) ירושלמי בפרק השולח. הובא ברש״י ובתוספות גיטין לו, א. רמב״ם הלכות שמיטה ויובל פרק י הלכה ט (לפירוש הבית יוסף דורה דעה סימן שלא בתחלתו – וראה כסף משנה שם פרק ט הלכה ב). טור יורה דעה סימן שלא. חינוך מצוה פד.

2) קידושין לו, ב. רמב״ם הלכות שמיטה ויובל פרק ד הלכה כה. טור שם. חינוך שם.

3) פּרק ז ואילך.

4) זע לקו״ש ח״א עמוד 189 הערה 8.

5) זע דאָרט עמוד 270.

6) זע ״תולדות יעקב יוסף״ אָנפאַנג פּ׳ בהר.

7) זע לקו״ש ח״א עמוד 108.

8) פּרק מא.

9) מדרש תהלים סח, יז (הוצאת בובר). וראה גם כן מגילה כט, א.

10) שמות רבה פּרשה יב, ג.

## דף היומי קאָלום

### אַ חידוש פון דעם אור שמחס איידעם

◆ פון **הרב פנחס וויליגער**/מאָנטרעאַל

מסכת נזיר (דף ס״א ע״א): אמר מר, דבר אל בני ישראל ולא לעובדי כוכבים, אַז בלויז אַ איד קען זיין אַ נזיר.

פרעגט די גמרא, וכל היכא דכתיב ישראל, עובדי כוכבים לא? והא גבי ערכין דכתיב דבר אל בני ישראל ותניא בני ישראל מעריכין ואין העובדי כוכבים מעריכין, יכול לא יהא נערכין ת״ל איש, שאני הכא דאמר קרא לאביו ולאמו לא יטמא, במי שיש לו אב, יצא עובד כוכבים שאין לו אב, למאי אילימא לענין ירושה והא״ר חייא בר אבין א״ר יוחנן עובד כוכבים יורש אביו דבר תורה שנאמר כי ירושה לעשיו נתתי את הר שעיר, אלא במי שמוזהר על כבוד אביו, מי כתיב כבד אביך גבי נזיר, אלא אמר קרא לאביו ולאמו לא לא יטמא, במי שיש לו טומאה יצא עובד כוכבים שאין לו טומאה.

פרעגט תוס׳ ד״ה מידי בנזיר כבד את אביך כתיב, ״ולעיל לענין ירושה לא פריך הכי״, אז ווען די גמרא האָט געפרעגט לגבי ירושה האָט די גמרא נישט געפרעגט ״מי כתיב ירושה לגבי נזיר״?

ענטפערט תוספות ״דסתם אב נקרא אב לענין ירושה״.

דערי גרויסער גאון ר׳ אברהם לופטביר וועלכער איז געווען אַן איידעם ביים אור שמח, הגאון ר׳ מאיר שמחה פון דווינסק, שרייבט אין זיין גאונישן ספר חידושי זרע אברהם (סימן ק״ג), אַז מען קען מסביר זיין תוס׳ מיט א חידוש וואס זיין שווער דער אור שמח האָט מחדש געווען:

דער גאַנצער טעם פאַרוואָס אַ כהן הדיוט מעג זיך מטמא זיין צו זיינע קרובים איז דערפאַר ווייל ער טוט זיי ירשענען, קומט אויס אַז מטמא זיין צו קרובים איז מטעם ירושה. מיט דעם זאָגט הרה״ג ר׳ אברהם לופטביר זצ״ל פאַרשטיין מיר זייער גוט אונדזער גמרא:

ווען די גמרא וויל וויסן פאַרוואָס אַ נזיר טאָר זיך נישט מטמא זיין צו זיינע קרובים, לאביו ולאמו לא יטמא, איז דער חידוש אַז הגם ער טוט ירשנען זיינע קרובים, פונדעסטוועגן זאָגט די תורה לא יטמא, אַז מחמת גודל קדושתו, איז מען ממעט טומאה אפילו ביי איינעם וואָס איז נוגע בדין ירושת קרובים. דערפאַר וויל די גמרא וויסן צי אַ גוי איז בכלל ירושה. און די גמרא פרעגט נישט מי כתיב ירושה לגבי נזיר, ווי די גמרא פרעגט מי כתיב כיבוד אב בנזיר, ווייל ירושה מיט טומאה גייען צוזאַמען.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַ געוואַלדיקער חידוש וואָס דער אבני נזר האָט מסביר געווען דעם חילוק פאַרוואָס אַ כהן הדיוט מעג זיך יאָ מטמא זיין צו זיינע קרובים, און א כהן גדול און אַ נזיר טאָרן נישט.

זאָגט ער, אַז וויבאַלד אַ כהן הדיוט איז זיין גאַנצע יחוס איז אַז ער איז געבוירן געוואָרן א כהן, קומט אויס אז זיין גאַנצער יחוס איז מצד זיין משפחה, דערפאַר דאַרף ער זיך מטמא זיין צו זיי, משא״כ א כהן גדול וואס ער האָט געהאָרעוועט אויף דעם, ער איז געווען איינער וואס ״הכהן הגדול מאחיו״ ברוחניות, דערפאַר האָט מען איהם ממנה געווען פאַר אַ כהן גדול, און די זעלבע זאַך ביי אַ נזיר וואס דורך זיין אייגינע מעשים איז ער געוואָרן א נזיר, א פרוש מעוה״ז, א קדושה וואס קומט דורך א אייגענע עבודה, דאָס איז אַ סך העכער, דערפאַר טאָר ער זיך נישט מטמא זיין אפילו צו זיינע קרובים כי נזר אלקיו על ראשו.

## די צוקונפט פון ציוניזם

פאָרזעצונג פון זייט אַכט

דעם וועג? לאָמיר פּרובירן ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

אינעם דאָזיקן לעצטן טייל פון מיין לעקציע, וויל איך אייך זאָגן אַ וואָרט וואָס איז גענומען פון דעם מאָראַלישן אוצר המחשבה פון חכמת התורה. די חמשה חומשי תורה ענדיקן זיך מיטן הסתלקות פון משה רבינו: ״ולא קם נביא עוד בישראל כמשה... ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל.״ איז רש״י דאָרט מפרש: ״ולכל היד החזקה״ – וואָס ער האָט מקבל געווען די תורה אין די לוחות וואָס ער האָט גענומען אין די הענט. ״ולכל המורא הגדול״ – די נסים און גבורות אינעם גרויסן און שרעקלעכן מדבר. ״לעיני כל ישראל״ – וואָס ער האָט האָט געהאַט די מוט צו צעברעכן די לוחות פאַר זייערע אויגן. און דער אויבערשטער האָט מסכים געווען צו זיין באַשלוס, ווי עס שטייט ״יישר כחך ששברת.״ מיט די דאָזיקע ווערטער פירט רש״י אויס זיין פּירוש אויף דער תורה. עס באַקומט זיך דערפון אַז דער הויכפּונקט אין דער שילדערונג פון משה רבינוס גדלות איז דאָס וואָס זיין האַרץ האָט אים דערלויבט צו צעברעכן די לוחות העדות וואָס ער אַליין האָט איבערגענומען פון די הענט כביכול פון אויבערשטן, און אויף דעם האָט אים דער אויבערשטער געלויבט און געזאָגט אַ יישר כח. די ווערטער זענען גאָר שטוינענדיק. די לוחות הברית, פון די הענט פון אויבערשטן – און ער צעברעכט זיי, און באַקומט נאָך דערויף אַ יישר כח, פון ג-ט אַליין?

פאַרוואָס האָט משה רבינו צעבראָכן די לוחות? ווייל אין זיין אָפּוועזנהייט האָבן זיי געמאַכט דעם עגל. די וואָס האָבן געטאַנצט אַרום דעם עגל זענען געווען בסך-הכל דריי טויזנט מענער (שמות לב, כח). משה רבינו איז דורך דעם געקומען צום אויספיר: כדי די געטלעכע לוחות זאָלן זיך קענען געפינען ביים אידישן פאָלק פאַרלאַנגט זיך ערשט דערויף אַ פאַסיקע גייסטיקע הכנה. אין אַמצב פון אַ קאַלב און אַרומיקע טענץ איז נישטאָ קיין אָרט אויף לוחות ביים אידישן פאָלק. דער דאָזיקער אורטייל איז אַ מעשה רב.

עס זענען געווען נאָך פיל ענלעכע ביישפּילן דערויף אין גאַנג פון אונזער היסטאָריע. דאָס ערשטע בית המקדש איז חרוב געוואָרן, ווי חז״ל האָבן געזאָגט, צוליב דעם וואָס דער דור איז געווען נפרץ אין עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים (יומא, ב). אין יענעם דור האָט קיינער נישט געגלייבט אַז ס׳איז מעגלעך אַז ג-ט זאָל לאָזן זיין בית המקדש חרוב ווערן. ירמיהו הנביא וואָרנט דערויף די אידן און שרייט: פאַרזיכערט אייך נישט מיט פאַלשע רייד צו זאָגן ״היכל ה׳ היכל ה׳ היכל ה׳ המה״ (ירמי׳ ז, ד). אָבער אויך דערפאַר אַז דאָס בית המקדש זאָל זיין צווישן אונז פאַרלאַנגט זיך אַ געוויסע מדרגה, און אַז די דאָזיקע מדרגה איז נישטאָ – איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן בית המקדש. דאָס זעלבע אויך מיטן צווייטן בית המקדש, וואָס איז, ווי חז״ל זאָגן (דאָרט), חרוב געוואָרן צוליב דעם וואָס עס האָט ביי אידן געהערשט שנאת חנם.

און נאָך שרעקעוודיקער: אויך אונזער לאַנד האָבן מיר פאַרלוירן צוליב דעם, ווייל אויך אונזער אויפהאַלט אין הייליקן לאַנד פאַרלאַנגט אַ גייסטיקע הכנה, אַ געוויסע מדריגה, און אַז די דאָזיקע מדריגה איז נישטאָ, האָט די השגחה העליונה אַוועקגענומען פון אונז דאָס לאַנד, און מיר האָבן געמוזט צוויי מאָל גיין אין גלות. אויף דעם וואָרנט אונז די תורה אַליין, סוף פון דער פרשה פון די עריות, אַז מיר ״זאָלן זיך נישט פאַראומרייניקן מיט דעם אַלעם, ווייל מיט דעם אַלעם זענען טמא געוואָרן די גוים וואָס דער אויבערשטער האָט זיי פון אונז פאַרשיקט״, און דער אויבערשטער וואָרנט אַז אויב דאָס אידישע פאָלק וועט מטמא זיין דאָס לאַנד וועט דער אויבערשטער אים באַשטראָפן, און ״דאָס לאַנד וועט אויסברעכן פון זיך אירע איינוואוינער״. דער אויבערשטער וואָרנט אונז אָפּצוהיטן די חוקים און משפטים און נישט טאָן די אומווירדיקייטן פון די גוים, כדי דאָס לאַנד זאָל נישט אויסשפּייען פון זיך די אידן, פּונקט ווי זי האָט אויסגעבראָכן פון זיך דאָס פאָלק וואָס איז דאָרט געווען פאַר זיי (ויקרא יח, כד-כח). זעט מען דאָך פון דעם אַז ארץ ישראל, דאָס בית המקדש און די לוחות – דאָס אַלץ זענען אַנטפּלעקונגען פון כבוד שמים אויף דער וועלט. אויב מיר זענען ווערט די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען, זענען מיר זוכה צו זיי און זיי האַלטן זיך ביי אונז. אָבער אויב מיר זענען זיי נישט ווערט – ווערן זיי פון אונז אַוועקגענומען.

לויט אונזער מיינונג, דאַרף אויך אַ אידישע מדינה זיין אַ גרויסע אַנטפּלעקונג פון כבוד שמים און קידוש השם בעולם, ממש אינעם זין פון ״ואתנך לברית עם לאור גויים״ (ישעי׳ מב, ו). אַ סעקולערע מדינה אויף דער ערד פון הייליקן לאַנד שטעלט נישט פאָר אַזאַ סאָרט אַנטפּלעקונג. דעריבער קענען מיר נישט זען אַ רעליגיעזן אידעאַל אין דער עקזיסטענץ פון דער מדינה. מיר זיצן דאָ, זענען צוגעבונדן צו ארץ ישראל מיט אַ ברענענדיקער אהבה; עס טוט אונז ווי יעדע צרה וואָס קומט אויפן ישוב און אויפן לאַנד, און מיר זענען גאַרנישט ווייניקער-גוטע בירגער ווי יעדער סעקולערער בירגער, אָבער אינעווייניק אין האַרצן ווייטיקן מיר דעם ווייטיק פון דער מדינה וואָס האָט נאָכנישט געפונען זיך אַליין – און דאָס טוט ווי אונז מער ווי דעם גאַנצן סעקולערן לאַגער.

אָבער מיר טראָגן נישט אין זיך בלויז אַ ווייטיק. מיר זעען אויך די לייזונג אויפן האָריזאָנט. דוכט זיך, אַז ביי דער מלחמת ששת הימים איז נתגלה געוואָרן אַ באַהאַלטענער קוואַל אינעם נפש פון גאַנצן אידישן פאָלק. עפּעס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון דער אידישער נשמה – צי דורך די וואונדערלעכע געשעענישן ביי דער מלחמה אַליין, צי דורכן איינגעמען דעם כותל המערבי. פון דעמאָלט אָן באַמערקן מיר אַ באַנייטן אינטערעס אין תורת ישראל אין ברייטע קרייזן. די שנאה צום אידישן דת וואָס האָט געגעסטעט ביי פיל אין האַרצן – איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. פיל, פיל ווילן הערן וועגן תורה ומצוות – און דער פאַקט וואָס איך שטיי פאַר אייך שוין צום פערטן מאָל זאָגט אויף דעם עדות.

דאָס איז איצט בלויז אַ באַשיידענער אָנהויב, אָבער עס וועט זיך אויסברייטערן און אַרומנעמען אַלע טיילן פונעם ישוב. דער נביא עמוס האָט פאָרגעזאָגט אַז אָט קומען טעג וואָס ג-ט וועט ״שיקן אַ הונגער אין לאַנד – נישט אַ הונגער אויף ברויט און נישט אַ דאָרשט אויף וואַסער, נאָר אויף צו הערן די רייד פון ג-ט״ (עמוס ח, יא). דער דאָזיגער הונגער שפּירט זיך שוין איצט, און ער וועט וואַקסן מער און מער. די אידישע נשמה לעבט דאָך אין האַרצן פון יעדן וואָס איז געבוירן געוואָרן צו אַ אידישער מאַמע, און נישט אויף אייביק קען מען פיטערן די דאָזיקע נשמה מיט אויפגעטוישטע ווערטן און אידעאַלן וואָס זענען איר פרעמד. די אידישע נשמה וועט פאַרלאַנגען אירס. זיי וועלן אָנהייבן לערנען תורה פונדאָסניי, פריש דערזען דאָס ריזיקע ליכטיקייט וואָס איז אין איר פאַרבאָרגן.

און קומען וועט דער טאָג וואָס יעדער איד אין דער מדינה וועט לייגן תפילין און היטן שבת און מיר וועלן זוכה זיין דאָ אין לאַנד צו אַ מעכטיקן דערפרישטן אידישן אויפלעב, און דאַדורך וועט די מדינה געפינען איר אידענטיטעט. און דעמאָלט וועלן מיר געפינען דעם געהאָפטן שלום צווישן אונז און אויף אונזערע גרענעצן.

*) גענומען פון זיין ספר בין ששת לעשור.
איבערזעצונג: יעקב בריל.

## דער גולם

פאָרזעצונג פון זייט ניין

אריינט אין דעם וואס רעדט ניט, אדער הערט ניט, צי גלאַט אין א חרש, יעמאלט רופט זיך דער ניזק: גולם.

נאר אין וואס פארא ניזק, אדאס איז די קשיא. אז לכאורה ביי די חכמים זיינען אלע דרייא גלייך: חרש שוטה וקטן. נאר בשעת מעשה איז באשיימפערלאך אז עס איז ניט גלייך. אט אין גיטין ה׳ ע״א, שטייט בפירוש אז א חרש מעג צוטראגין א גט כאטש ער קען ניט זאגין ווי מען דארף: בפני נכתב ובפני נחתם, אז פאר אים אין די אויגין איז דאס גישריבין געווארין און פאר אים אין די אויגין איז דאס גיחתמיט גיווארין. ר׳ יוסף זאגט אז עס גייט די רייד וועגין א גיזונטין וואס האט אפגיגעבין דעם גט און איז פלוצלונג שטום גיווארין און ניט גיקענט זאגין די ווערטער. און באלד דארטין גופא זאגט די גמרא אז קאם לאזט זיך עס אויפן שכל אזא מעשה אז פונקט יעמאלט איז אים גראד אפגינומין גיווארין זיין לשון.

אבער דער טור האט דעם דין פון חרש מבאר גיוועזן דארטין אין חושן המשפט הלכות אונאה ומקח טעות סימן רל״ה סעיף י״ט, וזה לשונו: אין מעשיהם קיימין עד שיבדקו אותן אם יש להן דעת כדרך שבודקין אותן לגיטין. כלומר זייערע מעשים זיינען ניט גילטיג, די שטומע און טויבע, סיידין מען איז ניט בודק אז זיי זיינען ביים זינען און אויב זיי זיינען ביים זינען זיינען זיי צוא אלצדינג כשר.

מטעם הלכה זיינען די טויבע און שטומע ראוי צו אלץ אבי זיי זיינען ביים שכל הישר.

און מטעם קבלה זיינין אלע נשמות מסוגל אן נעמין איין עיבור. ניט נאר א ניזק. אן עיבור וואס ווערט אריינגיבלאזין מאכט א גוטן גולם, א גולם א מאדים. אזא גולם וואס עס איז א זכיה צו זיין אט אזא מין גולם. אבער די גאנצע נקודה איז גראד ביי א ניזק וואס נייטיקט זיך מיט גרויס נייטיקייט אין אן עיבור, כלומר אין א נייער נשמה וואס קומט אפשטארקן די ערשטע.

נאך דער שריפה גדולה האב איך אויפן הימל פון פראג מרחם געווען אויף דיר ר׳ שמשון אין גלובאק און אין דיר אריינגיבלאזין א צוגאבלאכע נשמה אן עיבור, זאלסט ניט ליגן אין הקדש מיט די חולאים און משוגעתם רחמנא לצלן, נאר זאלסט גיין און לערנין אין ניינטן הייליקן בית מדרש פון גלובאק און ווערין ביי אידן א גולם. דאס איז אויך גיוועזין אום חול המועד פסח.

עד כאן מיין חלום שחלמתי. חלמא טבא. חלמא טבא.

איך לאז א ברכה גדולה פאר אלע גלובאקער און בעט זאגין קדיש נאך מיר. און במיוחד אז אום חול המועד זאל מען זייער נזהר זיין.

שמשון בר זלמן שמעון שפּרונט המכונה גלובאקער גולם.

דעם גולמס ברייוו צו די בני העיר האָט זיך אָפּגעזוכט גראַדע אום חול=המועד פּסח. חול=המועד די שריפה, חול=המועד פּסח איז ביי אים אַריין די צווייטע נשמה וואָס ט׳אים פאַר אַ גוטן גולם געמאַכט, און חול=המועד איז די מעשה פאַר די בני גלובאָק נתגלה געוואָרן. אַזוי אַרום האָט מען אין גלובאָק גענומען זאָגן: ״פון חול=המועד ביזקל חול=המועד״.

אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס, די מעשה איז אויס.